# אַלֶין צו לִיעֶב אַ חָתָן

## אָדֶער

# די מְיוּחֶסֶת

איינע ערצאהלונג

פון ח. ד. גילדענבלאטט.

# ווילנא

---

ВСЕ РАДИ ЖЕНИХА.

Разсказъ изъ дѣйствительности.

Д. І. Гильденблата.

Соб. изд. Л. Л. Маца.

320

ВИЛЬНА,
Типографія Л. Л. Маца Завальная 30 .1912 г.

# 1.

## עפעס אמאדנער מענש.

— וואס קאן מען מאכען ? עס איז אזא פערפיהרטע וועלט! אכלה מוז זיך ווייזען, אז זיא איז געבילדעט, מען מוז קאנען דער מאנען אצווי דריי פילאזאפען, אסטיילס, אספענצער און אליגערט, — שדים ווייסען ווער זיי זיינען דארט, און וואס זיי ווילען האבען, מען מוז נאך קאנען דערטאנען בעוואוסטע ליטעראטען און זייערע ספרים, פונקט וויא אחן דעם טאהר מען גאר קיין כלה ניט זיין, — נו, אמאדע, אתושב׳דינע, אפערפיהרטע מאדע! . . .

אזוי האט זיך נעטראכט אננא, דיא עררוואקסענע טאכטער פונעם הערר פוטערמאן, — דער געוועזענער בעל הבית פונעם גרויסען מאיאנטיק „אייכאוווקא". — אפערפיהרטע וועלט, — וואס זאל מען טאהן ? אחתן מוז מען נאכנעבען, און איבערהויבט דאן, כל זמן ער איז נאך ניט טיינער . . .

און וואס האט זיא שוין ניט געטאהן צו ליעב אחתן ? געלעבט גוט מיט אללע שכנים פון דער סביבה, געגעבען זיי אמאל אויף מארקעס, אויף אפוהר און אמאל אזוי אמתנה אויף טאביק, חאטש דאס הערץ האט איהר גענוג געריסען דערויף, נאר וואס זאל מען טאהן ? מען מוז זיך נאך מאכען פאר אגוטע, אנדערש, — זאגען זייא — געהט דאס ניט, מען מוז זיך נאך מאכען פאר אשיינע, דאס אפילו איז היינטיגע צייטען ניט אזוי שווער, אדאנק גאט, וואס ער האט בעשאפען אויף דער וועלט אפטהייקען, וואו מען קאן ווערען יונג און שיין אזוי, אז דיא חתנים קאן טאקע געפעהלען ווערען, מען מוז נאך אבער זיין קלוג און געלעהרענט, — דאס ווערט איהר איז אצרה, — זיא האט שוין געפאקט איינעם פון דיא שדכנים, ניט געזאלעוועט קיין געלד און געקויפט סמיילס פער־שריבענעם חאראקטער, דען קיין איינעם האט זיא ניט געהאט,

אָדער ריכְטִיגֶער גֶעזָאגְט, זִיא הָאט גֶעהַאט נָאר אַזַא אַלְטָען, אַזַא שְׁלֶעכְטָען, וָועלְכֶער קָאן גָאר קַיין חֵן נִיט גֶעפִינֶען אֲפִילוּ בַּייא גָאר אַפְּרֶעמְדֶען חָתָן. זִיא הָאט גֶעקוֹיפְט דָאס כּוּף, נָאר וָוָאס הֶעלְפְט עֶס? זִיא פֶערְשְׁטֶעהט אִין אִיהם גָאר נִיכְט.

— שְׁלֶעכְט! — הָאט זִיא זִיךְ גֶעטְרַאכְט, — מֶען מוּז פָארְט דִינְגֶען אַלֶעהרֶער, וָואס קָאן מֶען מַאכֶען? מֶען מוּז פָארְט נָאכְגֶעבֶּען דֶער פֶערְפְלוּכְטֶער מָאדֶע...

אוּנ אַזוֹי צוּ לִיעבּ דֶער פֶערְפְלוּכְטֶער מָאדֶע, צוּ לִיעבּ דֶעם קַאפְּרִיז פוּן חֲתָנִים, וָועלְכֶע מֶען מוּז נָאכְגֶעבֶּען כָּל זְמַן זַיי זֶענֶען נָאךְ חָתָנִים אוּנ בִּפְרַט וָוען נָאךְ פְרֶעמְדֶע, אִיז זִיא אַוֶועק גֶעפָאהרֶען קַיין ווִילְנָא, אוּנ גֶעדוּנְגֶען זִיךְ אַלֶעהרֶער, וִויא זִיא הָאט גֶעמַיינְט, דָאס הֵייסְט, אַיוּנְגֶען מַאן אַבָּחוּר אוּנ נִיט קַיין מִיאוּס׳עָן, אוּנ יָועט אִיהר קָאנֶען הֶעלְפֶען אִין אַנוֹיטְה...

אָט דָאס אִיז דִיא הֶעלְדִין פוּן דִיעזֶען עֶרְצֵייהלוּנְג, אָט דָאס אִיז אנא פוטעדמאנן, דִיא גַאנְצֶע ווִירְטְהִין פוּנֶעם מַאיָאנְטִיק „אייכאווקע״, וואו אַלְלֶע מֶענְשֶׁען, וָואס דִיענֶען דָארְט, פֶערְשִׁילְטֶען אִיהר דִיא בֵּיינֶער, אִין דֶער הויךְ אָבֶּער רוּפְט מֶען זִיא „פַּאנְיֶענְקָא״, אוּנ אַלֶע הָאבֶּען מוֹרָא פַאר אִיהר, דֶען אוֹיסֶער גֶעשְׁרֵייא אוּנ קְלָלוֹת, קָאן זִיא נָאךְ אַמָאל גוּט אָנְשְׁלָאגֶען אוֹיךְ, אוּנ גֶעה מִשְׁפְּט זִיךְ מִיט אִיהר! מֶען בַּארְף דָאךְ פָארְט לֶעבֶּען, עֶס ווִילְט זִיךְ דָאךְ פָארְט עֶסֶען... וִויא עֶס וֶוערְט נָאר טָאג בִּיז שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט הָאט דֶער ווִידֶער־קְלַאנְג עֶסֶק, אִיבֶּערְצוּגֶעבֶּען אַלֶע גֶעשְׁרֵייא אוּנ קְלָלוֹת פוּן דֶער אננא׳ן, וָועלְכֶע אַלֶע ווִילֶענְדִיג נִיט ווִילֶענְדִיג הָאבֶּען גֶעמוּזְט פָאלְגֶען, דֶען אַלֶע הָאבֶּען פַאר אִיהר מוֹרָא גֶעהַאט, דֶער פַאר אָבֶּער הָאבֶּען גָאר קַיין מוֹרָא נִיט גֶעהַאט פַאר אִיהר דִיא פְרֶעמְדֶע חֲתָנִים, וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זֶעהֶען זִיךְ מִיט אִיהר אוּנ הָאבֶּען נָאךְ הָעזָה גֶעהַאט צוּ זָאגֶען גָאר אָפֶענְטְלִיךְ אָדֶער אַזוֹי גֶעבֶּען צוּ פֶערְשְׁטֶעהְן, אַז זִיא גֶעפֶעהלְט זַייא נִיט, נָאר צוּ לִיעבּ זַיי אִיז זִיא שוֹין מְרוּצָה אוֹיף אַלְין, אַבִּי לְסוֹף חָאטְשׁ בַּייא אֵיינֶעם וִויא עֶס אִיז חֵן צוּ גֶעפִינֶען, אוּנ נַאכְהֶער, — הָאט זִיא גֶעהָאפְט, — וֶועט זִיא זִיךְ שוין

(צו ליב אחתן)

שוין מיט איהם איינעם איבערעכענען פאר דיא אלע איבעריגע . . . אונ איהר מאנט , רבותי , גאנץ זיכער זיין , אז זיא וועט נעווים מקיים זיין איהר ווארט , ווען נאט זאל איהר נאר העלפען דאס צו דער לעבען אין גיכען . . .

קומענדיג מיט'ן לעהרער פון ווילנא, האט זיא איהם אריינגעפיהרט אין אקליין צימער , וואו עס איז געשטאנען אבעט , אשרייב טישער אונ אקליין עטאזשערקע , וואו עס זיינען געלעגען אלטע זשורנאלען, אונ „הארכקטער" פון סמיילס .

— דער צימער איז פאר אייך , — האט זיא איהם געזאגט — דא מאנט איהר טאהן , וואס איהר ווילט , לייענען , שרייבען , וואס איהר ווילט , נאר . . .

— נאר וואס ?

— נאר איהר זאלט זיך ניט ארומשלעפען צו אונזערע ליעבע שכנים — וואס הייסט ? אין איין אסטראג ? ניט ארויס צו געהן ?

— ווער זאגט דאס אייך ? איהר מאגט זיך ארום שפאציערען אגאנצען טאג אונ אגאנצע נאכט, ווער וועט זיך וואגען אייך אוואקט צו זאגען ? אונ פלאטץ איז דא אויך פראן גענוג , וואלד אונ פעלד , בארג אונ טאהל , וואס דאס הערץ געלוסט , וואו איהר ווילט קאנט איהר ארום שפאציערען , אמאל וועל איך אויך . . .

זיא האט זיך אפגעשטעלט , גענומען אשטול , זיך אוועק נעזעצט גענען לעהרער אונ ווייטער גערעדט .

— געהן אבער צו אונזערע שכנים , פערשטעהט איהר מיך , איז ניט נאך אייער אונ ניט נאך מיין שטאט , שטעלט זיך אייך פאר , אט למשל וואהנט אונזער עקאנאם, ביי איהם איז דא אפרוי , איז זיא איין אמת'ע זליכה , האט אמאן אונ איינעלט זיך שטענדיג מיט פרעמדע יונגע לייט ; אט וואהנט אונזער קאנטארשציק , ביי איהם איז דא אטאכטער איז זיא אנווארע דלילה , זיא האט אחתן אונ האט ליעב דער ביי ארום שלעפען זיך מיט אנדערע פערפיהרען זייא , פערדרייהען מוחות , אונ ליעבען זיך , זיא וואלט אלין וועלען אלע זאלען זיא ליעבען , אלע זאלען זיך הייננען אדער

(צו ליב אחתן) שיעסען

שִׁיעְסְֶען פוּן אִיהרְטְוָועגְען , אוּנ וִויא אַזוֹי מֵיינְט אִיהר הָאט זִיא אִיהר חָתָן בְּעקוּמְען ? אַךְ , מֵיין פְרֵיינְד , עֶס אִיז דָא וָועגְען דֶעם אָפּוּרְע , וָואס צוּ רֵיידְען אוּנ וָואס צוּ דֶערְצֵיילֶען , נָאר וָוער וֵוייס שׁוֹין נִיט דֶערְפוּן ? אוּנ אָט וָואהנְט דָא אוּנְזֶער אַגְרָאנָאם , עֶר הָאט אוֹיךְ צְוֵויי טָאכְטֶער , וָואס מֵיינְען אַז זֵייא זֶענֶען שֵׁיינֶע , אֵיינֶע דְרֶעהט זִיךְ אַרוּם מִיט קְרִיסְטְען אוּנ שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען בֵּייא אַנְטְלוֹיפֶען מִיט אֵיין הוֹלְטַאיי , אוּנ דִיא צְוֵוייטֶע הָאט שׁוֹין נִיט אֵיין קִינְד אָבְּגֶעוָבְלְט בֵּייא אוּנְז אִין טֵייךְ , זִיא שְׁלֶעפְּט זִיךְ אוֹיךְ אַרוּם מִיט אַיוּנְגְען בָּהוּרִיל, זִיא הָאט אִיהם שׁוֹין אוֹיךְ גוּט אָבְּגֶעצְוֵייפְט דֶעם קָאפְּף , אַרוֹיס־גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם שְׁוַוארְצְאַפֶּעל פוּן אוֹיג , אוּנ אִיצְט ווִיל זִיא מִי[illegible] אִיהם נָאר [illegible] כַּפָּרוֹת , נָאר , דַאכְט זִיךְ , אַז אִיהר , אוֹי[illegible] לְהַכְעִיס , וֶועט בֵּייא זֵייא דַוְקָא זַיין חֲתוּנָה , — אַךְ , מֵיין פְרֵיינְד ! עֶס אִיז דָא זִינְגְען זֵייא אַסַךְ צוּ דֶערְצֶעהלֶען , אוּנ אִיבֶּערְהַייבְּט נָאךְ , זֶענֶען זַיי גְרוֹיסֶע בֶּעשְׁפֶּאטֶער אוּנ בֶּערֵיידֶער , זַיי ווִילְלֶען מִיט אֵייךְ רֵיידֶען דַאכְט זִיךְ אַזוֹי גוּט , נָאר צוּקֶער זִיעס , אוּנ ווִיא נָאר אִיהר קֶעהרְט זִיךְ אָב פוּן זֵייא וֶועלְלֶען זֵייא אֵייךְ מַאכֶען פַאר דֶעם אָרְגְסְטֶען , וֶועלֶען אָבְּלַאכֶען פוּן אֵייעֶר יֶעדֶער וָוארְט , פוּן יֶעדֶער מִינֶע , אוּנ קֶאנֶען אֵייךְ נָאךְ דֶערְצוּ פוּן קָאפְּף אוֹיס טְרַאכְטֶען אַזֶעלְכֶע זַאכֶען , וָואס נִיט גֶעשְׁטֵיינְגֶען אוּנ נִיט גֶעפְלֵיינֶען , מֶען דַארְף זִיךְ , — זָאג אִיךְ אֵייךְ , מֵיין פְרֵיינְד , — הִיטֶען זִיךְ פַאר זֵייא , ווִיא פַאר פֵייעֶר .

— אִיהר גֶעהט וָוען צוּ זֵייא ?

— וָואס רֶעדְט אִיהר ? אוּם גָאטֶעס ווִילְלֶען ! אִיךְ הִיט זִיךְ זָאגַאר נִיט בֶּעגֶעגֶענֶען מִיט זֵייא , אִיךְ וֶועל אֵייךְ בֶּעסֶער אָבְּזִיצֶען אַגַאנְצֶע טָאג , ווִיא אַשְׁטוּמֶע , מִיט קֵיינֶעם אַוָוארְט נִיט צוּ רֵיידֶען , אוּנ אִיהר דַארְפְט ווִיסֶען זַיין , אַז אִיךְ בִּין גָאר נִיט גֶעוָואהנְט גֶעוָוארֶען צוּ דֶעם .

— יָא , אִיךְ גְלוֹיבּ .

— אוּנ דָאךְ בִּין אִיךְ זֶעהר נִיט צוּ פְרִיעדֶען וֶוען זֵייא גֶעהֶען אֲפִילוּ אַבֵּיין צוּ מִיר .

— זֵייא גֶעהֶען צוּ אֵייךְ ?

(צו ליב אחתן) ומאַל

— אַמָאל פְלֶעגֶען זַייא קוּמֶען וֶוען עֶס אִיז . אִיצְט אָבֶּער גֶעהֶען זַייא שׁוֹין לַאנְג נִיט צוּ מִיר , אִיךְ הָאבּ זַייא פָּשׁוּט . . .

— אִיהר גֶעהְט נִיט צוּ זַייא אוּנ בֶּעגֶעגֶענְט זִיךְ אֲפִילוּ נִיט מִיט זַייא , טָא פוּן וַואנֶען וַוייסְט אִיהר אַלֶעס , וָואס מִיט זַייא קוּמְט פָאר אִין אַלֶע זַייעֶרֶע סוֹדוֹת ?

— אַךְ , מַיין פְרַיינְד , אַגוּטֶע זַאךְ הָארְט זִיךְ פוּן וַוייטֶען , אוּנ וָוער וַוייס נִיט דֶערְפוּן ? פְרָאגְט אַקִינְד פוּן וִויעג , וָועט עֶס אַייךְ אוֹיךְ דֶערְצֶעהלֶען , אוּנ אַז אִיהר וָועט זַייא דֶערְזֶעהֶען , וָועט אִיהר אוֹיךְ מוֹדֶה זַיין .

— וִויא אַזוֹי וָועל אִיךְ זַייא זֶעהֶען ? אִיהר פֶערְזָאגְט דָאךְ מִיר נִיט צוּ גֶעהְן צוּ זַייא .

— אַי , גַאנְץ שְׁטְרֶענְג , נָאר זַייא וֶועלֶען מִכְּתָּמָא בַּאלְד קוּמֶען צוּ אַייךְ .

— זַיי גֶעהֶען דָאךְ נִיט אַהֶער .

— אַקַשְׁיָא , חַא , חַא , חַא ! אִיצְט וֶועלֶען זַייא גֶעהְן ;

— פַאר וָואס עֶפֶּעס אִיצְט .

— פָאר וָואס ? חַא , חַא , חַא ! ווייל אִיצְט וֶועלֶען זַייא דָא דֶערְזֶעהֶען אַיוּנְגֶען מֶענְשֶׁען , — נוּ , אִיהר פֶערְשְׁטֶעהְט שׁוֹין מִיט וֶועמֶען אִיהר הָאט צוּ טָאהן ?

יַא , דֶער לֶעהְרֶער הָאט שׁוֹין גוּט פֶערְשְׁטַאנֶען מִיט וֶועמֶען עֶר הָאט צוּ טָאהן , אוּנ אִיז גֶעוֶועזֶען זֶעהר נִיט צוּפְרִיעדֶען ; אוּנ נִיט צוּפְרִיעדֶען אִיז אִין גִיכֶען אוֹיךְ אננא גֶעוֶועזֶען .

— אַמָאדְנֶער מֶענְשׁ , — הָאט זִיא זִיךְ גֶעטְרַאכְט מִיט פֶערְדְרוּס , — אִיהם בַּארְף מֶען אַלְץ זָאגֶען , אַלַיין שְׁמֵייכְט עֶר זִיךְ נִיט אָן , אוּנ אֲפִילוּ אוֹיפְ'ן וואוּנק פֶערְשְׁטֶעהט עֶר אוֹיךְ גָאר נִיקְט ...

## 2.

### אַקְלֵיינִיקַייט יִחוּס ?

דִיא עֶרְשְׁטֶע צַייטֶען הָאט דֶער לֶעהְרֶער גֶענוּמֶען עֶקְזַאמֶענִירֶען

זיין שילדערין, געגעבן איהר אכוך און געהייסען לעזען, אננא איז רויט געווארען און געאנטפערט.

— אז איך וועל לעזען אליין איז וואס וועט זיין די פעולה? גיך קאן איך ניט לעזען, און באלד וועל איך פערמאדטערט, בעסער איהר לעזט, איך וועלל הארען, און איהר וועט מיר ערקלעהרען, וואס איך פערשטעה ניט.

דער לעהרער איז מרוצה געווארען, ער האט געלעזען, און אננא האט געהארט, געהערט, און — אנשלאפען געווארען.

— אך, עס שלאפערט זיך, שדים ווייסען וואס, היינט טאקע זעהר פריה אופגעשטאנען, — האט זיא געזאגט בייבענדיג די אויגען בעת זיא האט זיך אויפגעכאפט, — שוין שפעט?

— שוין צוועלף אזייגער.

— צייט טאקע שלאפען, אגוט נאכט.

— נוייסט איהר וואס, פרייליין? — האט צו איהר אויף מארגען אין דער פריה דער לעהרער געזאגט — קומט, מיר וועלען איצט לעזען.

— ניין, מיין פריינד, ביי טאג האב איך קיין צייט ניט, ביי טאג האב איך בילכערע ארבייט. דאס בוך וועט ביז דער נאכט ניט אנטלייפען. — ביי נאכט אבער וועט איהר דאך ווידער אנ...

— וואס? ! — האט זיא מיט כעס איבער געריסען זיינע רייד, — קיין איבעריגעס, בעט איך אייך, זאל אייך ניט ארען.

— דער לעהרער איז שטיל געווארען. אין אבענד האט ער ווידער געלעזען, און אננא האט ווידער געהארט, געהערט און אנשלאפען געווארען. — אך! — האט זיא געפראגט ערוואכענד, — פאר וואס האט איהר מיך ניט אויפגעוועקט?

— איך האב אייך געוועקט נאר...

— נאר, שדים ווייסען וואס, און שפעט?

— ניין, ערשט אכט אזייגער.

— אכט אזייגער? עס קאן ניט זיין, אייער זייגער ציהט זיך, איך וועל געהן אקוק געבען אויף מיין זייגערל.

זיא איז אַוועק אונ מעהר שוין ניט געקומען. אויף מאָרגען איז אויך דאס זעלבע געשעהען, זיא איז אַנשלאָפען געוואָרען, דער לעהרער האט זיא געוועקט.

— אַך לאָזט מיך, — האט זיא געענטפערט אונ גינעצט, — איך האָב זיך שטאַרק צו עפּרוירען, דערצו האָב איך נאָך ערגעץ געמוזט באָפען אַביסעל טשאַד, איך קאָן גאר דעם קאָפּ ניט איינהאַלטען. — דער ווייל זיינען אַזוי געקומען פרעמדע מענשען, פאַר וועלכע עס פּאַסט ניט לערנען זיך, דאס האָט זיא זיך פאַר רעדט מיט דיא קנעכט אָדער פערקריגט זיך מיט דער דינסט אין קיך, אונ דאס איז זיא גאר ערגעץ וואוהין אַוועק געפאָהרען.

— הורכגעפאָהרען זיך אַביסעל, וויא מען זאָגט, אַביסעל פערלופטערט דיא אויגען. — אַזוי איז אַוועק אַגאַנצער חודש.

— ווייסט איהר וואָס, לעהרער? האט איהם ענדליך אננא געזאָגט — איהר האט דאָך געווים דיא ביכער געלעזען, אונ מיין העהרען — זעהט איהר דאָך — איז אַלץ איינס, גאר ניסט, טאָ דערציילט מיר בעסער אַזוי וואָס דאָרטען שטעהט, וואָס מען מיינט, דאס וועט מיר אַסך מעהר נוצליכער זיין; איך וועל וויסען אונ געדיינקען.

דער לעהרער איז דארויף אויך מרוצה געוואָרען, עס האט זיך אָנגעהויבען פערשיעדענע רעצענזיעס אונ קריטיק, אננא איז דערפון געוועזען זעהר צו פרידען, אונ אין אָבענד האָרט זיא זיך דער ווייל אָן מיט אַסאך נעמען פון מחברים, פּאָעטען, פּובּליציסטען אונ קריטיקער אין איין אָבענד האָרט זיא זיך אָן מיט אַסך נעמען פון ספרים אונ ווייס בענאַהע אַלץ, וואס דאָרט שטעהט געשריבען פון קט וויא זיא האט עס אַליין געלייענט, זיא ווייס אפילו וואס פאַר אַטיינונג צו זאָגען אונ האט זיך געשטאַרעט אַללעם אָנגעהערטע גוט צו געדיינקען, נוט בעהאלטען עס אויף אַנייטהיגער צייט...

באַלד האט זיא עפּעס אָנגעהויבען צווייפלען אין דעם לעהרערס רייד.

— דיא וועלט שדכנים, ניט אַזוי זיך גלאט אַלאידע שדכן,

(צו ליב אחרן)

נאָר טאַקע דיא גרויסע , דיא געניטע האָבען מיר געזאָגט , אז מען מוז קאָנען פּשוט אויף אויס ווענדיג קמיילס , שפּענצער אונ שדים ווייסען נאָך ווען דאָרט , אונ ער האָט נאָר העצה צו לאַכען פון זייא , זאָגען אַז . . . ניין , מען דאַרף איהם ניט האָרען , ער ווייס אַפּנים נאָר ניקט . — נאָר , ניין ! מען דאַרף איהם טאַקע הערען , זאָלען זייא מיינען , אַז איך בין אויף אַזוי פיל געלעהרענט אונ אויפגעקלעהרט , אַז אַפילו אַזעלכע גרויסע אַדונים בעטראַפען בייא מיר אויך נאָר ניקט , איך ווייס , אַז מען מאַכט חוזק פון אַנדערסערען מיינט מען , אַז אַליין איז מען דאָך געווים פיל גראָסער פון איהם , — גוט , גוט ! מען דאַרף איהם טאַקע האָרען , אונ זאָלען זייא מיינען . . .

אננא האָט געהאָרט , דער לעהרער האָט געשמעקט אונ קיין רייד האָט זיך נאָר ניט אויס גענומען .

— וויפיל צייגער ? — האָט איין מאָל אין מיטען דיא רייד אננא אַפּרעג געטאָהן . דער לעהרער האָט אַקוק געטאָהן אויפ'ן זייגער אונ געאַנטפערט . — שוין פיער .

— שוין פיר אַזייגער ? — האָט אננא איבער גערעדט מיט אַשמייכעל , — זעהט אַקאָרסט , עס ווילט זיך עפּעס נאָך נאָר ניט שלאָפען , פון מיינט וועגען מאָג מען האָטש זיטצען ביז גרויסען טאָג , נאָר איהר זייט אפשר שוין פערמאַטערט ?

— ניין , איך פערמאַטערט זיך קיין מאָל ניט פון אַזעלכע שמועסען , זייא זיינען מיר זעהר אַנגענעהם , וואָרום בכלל ויכוח איז זעהר אַנוצליכע זאַך , דער פון דער געהט זיך דער אמת , דער פון דער וויסט מען זיך אַסך זאַכען .

דיא לעצטע ווערטער האָט אננא אַריינגענומען טיף אין זינען , זייא שטימען מיט איהר האַראַקטער , אונ פון דאַמאַלכט אָן איז צווישען איהר אונ דעם לעהרער פאָרגעקומען האַכפּערנים , דרינגערייא , ניט קיין קריעג הלילה , נאָר גלאַט אַזוי זיך לאַנגע שמועסען , וועגען פערשידענע ביכער , וועגען פערשידענע מיינונגען אונ וויא מען רופט עס אָן , פראַגעס פון לעבען . אננא האָט אַפילו דערביי גאַנץ אָפט אַריינגעוואָרפען אַסך שטעכווערטלעך .

(צו ליבֿ אחתן)                                        איז

איז אָפט אין כעס געוואָרען, נאָר עס שאַדעט ניט, חלעבען, אָת
דעם געהט עס ניט.

אננא איז פשוט חיא גייא בעלעבט געוואָרען, ריידענדיג וועגען כלל, האָט זיא געקאָנט בריינגען ראיות פון פרט, אונג בעלייריגען איהרע בעקאַנטע, וויא זיא האָט אַליין געוואָלט.

מעהר פון אַלץ האָט זיא ליב געהאַט צוא ריידען וועגען יחוס אונג אַרויס ווייזען דער בייא, אַז זיא איז פון גרויס יחוס אונג באַר מען דער בייא איהר פאָטער וואָס איז שוין צווייא יאָהר טוידט.

— היינט אין דער פריה, — האָט זיא געזאָגט צום לעהרער, — ווען איך בין געוועזען אין קיך, האָב איך זיך דער מאָנט אייערע רייד, וויא האָט איהר געזאָגט אַללע מענשען זיינען גלייך?

— יאַ, איך זאָג עס איצט אויך.

— ניין מיין פריינד, איהר האָט אַגרויסען טעות. אָט למשל ברוידט, אַלץ רופט זיך ברוידט, נאָר פון ווייסע מעהל איז ווייסע ברוידט אונג פון שוואַרצע גראָבע מעהל, שוואַרצע גראָבע ברוידט האָט נאָר איין אַנדער אויסזיכט, נאָר איין אַנדער טעם, אַזוי זיינען מענשען אויך, איהר פערשטעהט?

— מענשען אָבער זיינע אַללע גלייך בעשאַפען געוואָרען.

— וויא הייסט? בין איך דען גלייך צו אונזער קאַנטאָרשציקס טאָכטער?! — געוויס ניט...

— אָט אַזוי רעדט, אונג פשוט דער פאַר, ווייל איהר טאַטע איז אַפּראָסטע זאַך, אַגראָבער יונג, אונג מיין פאָטער עליו השלום איז דאָך עפּעס געוועזען אַלייט, איהר דאַרפט וויסען זיין, אַז ער איז געוועזען איינער אין דער גאַנצער סביבה, אונג נאָך איינער אַזאַ, וויא ער, איז גאָר ניט פערבליעבען.

— עס קאָן זיין, נאָר האָרט, מיר ביידע זיינען גערעכט, אַללע מענשען זיינען עהנליך צו איינאַנדער גלייכעם בלוט פליסט אין אַללע מענשליכע אָדערען, נאָר פערשיעדען איז דיא ערציהונג, פערשידען דאָס לעבען, אונג דער פאַר נעהמען מיר אויף דער וועלט פערשיעדענע מענשען... — פערשיעדענע מענשען — איך מיין, ווער ווייס דאָס

(צו ליב אחתן) ניט

נִיט ? אַייזֶען אוּנ גָאלְד זַיינֶען צְוַויִיא בֶּעזָאנְדֶערֶע מִינִים... נָאר דָאס קָאן אִיךְ אַייךְ זָאגֶען, אַז נָאךְ אַזַא מֶענְשׁ ווִיא מַיין פָאטֶער — עָלָיו הַשָּׁלוֹם — אִיז גָאר נִיט גֶעוֶועזֶען, אוּנ עֶס וֶועט גָאר נִיט זַיין.

— וָואס פַאר אַמֶענְשׁ לְמָשָׁל אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען ?

— וָואס פְרֶעגְט אִיהר ? עֶרְשְׁטֶענְס, אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען זֶעהר אַפְרוּמֶער, קִידוּשׁ הָאט עֶר גֶעמוּזְט מַאכֶען נוּר אוֹיף בְּרַאנְפֶּען אוּנ דַוְקָא פוּן 90 גְרַאדָאוֶוע, אוּנ גֶעמוּזְט דֶעם גְרוֹישֶׁען בֶּעכֶער אוֹיס טְרִינְקֶען בִּיז צוּם דֶעק, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אֲפִילוּ פֶערְחָלִיגֶען, פֶערְהוּסְטֶען; נָאר, וָואס טְהוּט מֶען נִיט פוּן אַמִצְוָה וֶועגֶען ?“ פְלֶעגְט עֶר זָאגֶען. הַיינְט אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען זֶעהר אַגוּטֶער, ווער עֶס אִיז נָאר גֶעקוּמֶען בֶּעטֶען בַּייא אִיהם אַנְדָבָה, אָדֶער אַזוֹי עֶפֶּעס אוֹיס הֶעלְפֶען, הָאט עֶר קֵיינֶעם נִיט אָבּ גֶעזָאגְט, אוּנ אַלֶע מָאל גֶעשְׁטַארְעט זִיךְ צוּא נוֹיפְמַאכֶען עֶפֶּעס וָואס פַאר דֶעם אָרֶעמֶען נֶעבֶּעךְ, דֶער צוּא זַיין פְרָאסְטְקַייט, אַיין עָנָיו, זָאג אִיךְ אַייךְ, אַז עֶס אִיז נִיטָא זַיין גְלַייכֶען, אִין אַ יוֹם טוֹב, ווֶען עֶר פְלֶעגְט ווֶערֶען פְרֶאהלִיךְ, אִיז רֶעכְט חַאפֶּען דִיא קָאכֶען אוּנ דְרֶעהֶען זִיךְ מִיט אִיהר אַרָאדֶעל אִין מִיטֶען זַאאל, — אוּנ זַיין שֵׂכֶל ! וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגֶען ? עֶר הָאט גֶעקָאנְט דֶעם גְרֶעסְטֶען חָכָם פֶערְנַארֶען אִין זַאק, זַיין מַאכֶען אַקֶשֶׁר מִיט שׁוּתְּפִים, זַיין שְׁרַייבֶּען אַקָאנְטְרַאקְט, אִיז עֶס גֶעוֶועזֶען נָאר אוֹיף חִדּוּשִׁים ! הַיינְט אוֹיסֶער אַלֶעם, קוּקֶען אוֹיף זַיין גֶעשְׁטַאלְט אַלֵיין אִיז אוֹיךְ ווֶערְטְה גֶעוֶועזֶען גָאר דִיא גֶעלְד, זַיין הוֹיכֶער וואוּקְס, זַיינֶע בְּרֵייטֶע פְּלֵייצֶעס, זַיין דִיקֶע קֵילֶעכְדִיגֶער בַּייכֶעל, — עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוֶועזֶען אַנַחַת צוּ קוּקֶען, אוּנ וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגֶען, מַיין פְרֵיינְד צוּא זַיינֶע מַעֲלוֹת אִיז גָאר נִיט אוֹיס צוּא רֶעכְנֶען, נָאר נִיט אוֹיס צוּ דֶער צָאהלֶען, מִיט אַיין וָוארְט, עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען, זָאג אִיךְ אַייךְ, אַיינֶער אִין אַוֶועלְט.

— אוֹיבּ אַזוֹיא זַייט אִיהר גֶערֶעכְט, — הָאט דֶער לֶעהְרֶער שְׁטִיל אַרוֹיס גֶערֶעדְט אוּנ אַשְׁמֵייכֶעל גֶעטָאהן. אננא הָאט עֶס בֶּעמֶערְקְט, אוּנ אִיז אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען.

— אִיהר לַאכְט ? נוּר, יָעה ! עֶס קָאן נוּר לַאכֶען דֶער, וָואס

האט אזא טאטען ניט געהאט, פון יחוס מאכט מען חוזק נאך דער, וואס איז אליין קיין יחסן ניט.

— ניין, איך מאך גאר קיין חוזק ניט, אין געגענטהייל, דער פון לאכט שוין גאר ניט. פיל אונגליקען האט געשעהען אונ עס טרעפט יעצט אויך אויף אונזער וועלט, נאר דורך דעם קליינעם ווארט „יחוס"...

— איך מיין, וואס זאלל מען ריידען? אקליינינגקייט יחוס?!

## 3.

## אלעהרער דארף קיין חזיר ניט זיין.

אויף מארגען האט אננא ווידער געטאן דולען אקאפף דעם בידנעם לעהרער מיט איהר יחוס, וואס איז, וויא דעם לעצטען איז שוין, אויך גוט בעוואוסט געווארען, אז עס איז גאר ניט אזוי גרויס;

דער לעהרער האט געהארט אונ געשוויגען; געשוויגען אונ ענדליך פארט ניט געקענט פארשווייגען.

יחוס, — האט דער לעהרער לכוף גענטפערט, — איז גאר קיין געלאבטער, נאר...

— נאר וואס?

— נאר דאס איז, וויא מיר דאכט, נאר עפעס אנדערס, אונ מען דארף עס גאר אנדערש פערשטעהן.

— וואס הייסט.

— אט, זאגט מיר, לכוף וועמען נאך רופט מען נאך אייער מיינונג יחסן?

— הם! איך מיין, ווער וויים עס ניט? א נגיד איז איחסן:

— מיט וואס?

ערשטענס, טאקע דער מיט אליין, וואס ער איז אנגיד אונ צווייטענס...

זיא האט זיך, אבגעשטעלט אין מיטען דיא רייד, פשוט דער פאר, ווייל זיא האט מעהר קיין ווארטער ניט געפונען, וואס צו זאגען.

(צו ליב אחתן) מיין

— מיין מיינונג איז ניט אזוא , — האט דער לעהרער איהר דאן געזאגט , — ניט געלד , נור גוטע מדות , וואס מיר ירשענען פון אונזערע עלטערן — דאס איז אונזער יחוס . אנגיר קאן לאזען זיינע יורשים זיין געלד צו זאמען מיט זיין הארטעס הארץ אונ ווילד פערדארבענעם כאראקטער , אונ דאגעגען , קאן דער ארעמער וואסערטראגער איבער לאזען זיינע קינדער זיין מדות אנדער דערביי אויך זיינע אדעלע זיטען אונ געפיהלפאלעס הערץ ;

— וואס ? נאך אייך נאך קומט אויס , אז איין ארעמער וואסער-טראגער איז נאך א יחסן ? א שאנער יחוס ; בנאמנות , — נו , וויא געפעלט דאס אייך ?

— אונ וואס מיינט איהר ?

— איך מיין אז אייער טאטע האט געמוזט זיין א וואסער-טראגער .

— ערשטענס זייט רוהיג , מיין פאטער איז גאר ניט קיין וואסער-טראגער , צווייטענס דאכט זיך מיר , אז דאס איז ניט ארגער פון אקיימעננקעהרער .

— וואס ? ! האט אננא מיט כעס אויס געשריהען אונ איז געווארען וויא איין אנגעצונדענע , — ווער האט דאס אייך געזאגט , אז מיין זיידע איז געוועזען אקיימעננקעהרער ?

— ווער דארף עס זאגען ? מען ווייס , אונ וואס איז דיא שטיקעניס ? אונ מיר דאכט , אז עס איז גאר ניטא דער מיט וואס צו שעמען זיך , איך האב איהם אפילו ניט געקאנט , נאר איך גלויב , אז ער האט געקענט זיין מעהר מענש , פון איין אנדערען אנגיר .

אננא איז פון כעס אזוי אויפגערעגט געווארען , אז זיא האט גאר אליין ניט געוואוסט , וואס צו ריידען .

— אהא ! מען האט אייך שוין אויף מיין פאטער , — עליו השלום , — אויך שלעכטס אנגערעדט ! מען האט אייך שוין אפשר דער ציילט , אז ער האט זיך געשעמט מיט זיין טאטען , אונ איהם ניט געוואלט ארויפלאזען צו זיך אויפ'ן שוועל , אפילו , — נו , אונ נאך וואס האט מען אייך דער צאהלט ?

— אויפְ'ן גַנָב, פְּרֶעגְט דִיא חִיטֶער, — הָאט זִיךְ דֶער לֶעהרֶער גֶעטְרַאכְט.

— קֵיינֶער הָאט מִיר גָאר נִיט דֶערְצֶאהלְט, — הָאט עֶר גֶעאֶנְטְפֶערְט אוּנ גֶעוָואלְט אננא'ן פְרעגעֶן, נָאר דָאס אִיז גֶעוֶועזֶען גָאר אוּנְמֶעגְלִיךְ.

— הוּלְטַאיֶיעס! וָואס עֶסֶען אוּנְזֶער בְּרוֹיט אוּנ טְרִינְקֶען אוּנְזֶער בְּלוּט, — הָאט זִיא גֶעשְׁרִיעֶן אוֹיפְ'ן אַייבֶּער שְׁטִימֶע, וִויא אִיהר שְׁטַייגֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג, — זַייא זַיינֶען נָאךְ אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים! אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאלֶען זַייא נִיט זַיין, דִיא שַׁארְלַאטַאנְקֶעס, אוֹיס גֶערִיסֶען זָאלֶען זַייא וֶוערֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אוּנ אִיךְ הָאבּ אַייךְ דָאךְ בַּאכְט זִיךְ, נִיט אַיין מָאל שְׁטְרֶענְג פֶערְזָאגְט, אַז אִיהר זָאלְט נִיט גֶעהְן אָט צוּ דִיא אוֹיס וואוּרְפֶען. אִיהר זָאלְט אֲפִילוּ קֵיין צְוַוייא וָוארְטֶער נִיט רֵיידֶען אָט מִיט דִיא יְמַח-שְׁמוֹנִיצֶעס!

— זַייט נִיט אִין כַּעַס אוּמְזִיסְט, זַייא הָאבֶּען וֶועגֶען אַייךְ קֵיין מָאל פַאר מִיר קֵיין צְוַוייא וָוארְטֶער נִיט גֶערֶעדְט, אִיהר לִיעגְט זַייא גָאר וַוייניג אִין זִינֶען. אֲפִילוּ וֶועגֶען אַייגֶענֶעם יִחוּס רֵיידֶען זַייא אוֹיךְ גָאר וַוייניג, — עֶס אִיז דָא פִּיל וִויכְטִיגֶערֶעס וֶועגֶען וָואס צוּ שְׁמוּעֶסֶען, אוּנ אָהן זַייא קָאן מֶען זִיךְ דֶערְוִויסֶען, וָואס אַלֶעמֶען אִיז נִיט בֶּעוואוּסְט.

דִיא לֶעצְטֶע וָוארְטֶער הָאט אננא פוּן כַּעַס גָאר נִיט גֶעהֶערְט.

— וָואס פַאר רֶעדְט אִיהר מִיר דִיא צָאהן? זַייא טְהוּעֶן נָאךְ מִיר לוֹיבּ גָאט, נִיט וַוייא! — הָאט זִיא גֶעשְׁרִיעֶן, אַרוּם לַייפֶענְדִיג אִיבֶּער'ן צִימֶער, וִויא וַואהְנְזִינִיג, — אִיךְ וַוייס נוּט, וֶוער זַייא זַיינֶען, — אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאלְלֶען זַייא נִיט זַיין! אוּנ אִיהר, — הָאט זִיא גֶעזָאגְט, אָבּ שְׁטֶעלֶענְדִיג זִיךְ קֶענֶען לֶעהרֶער, אוּנ זִיךְ גֶעווֶענְדֶעט צוּא אִיהם — אִיהר הָאט גֶעדַארְפְט וִויסֶען, אַז אִיךְ קָאן גָאר נִיט מוֹחֵל זַיין, וֶוען מֶען אִיז מִיר דֶערְוִויעדֶער, מִיךְ טוּז מֶען פָאלְגֶען, אִיהר פֶערְשְׁטֶעהְט? אִיהר דַארְפְט וִויסֶען זַיין, אַז וֶוען אִיךְ צָאהל אַייךְ גֶעלְד, מוּזְט אִיהר מִיר דִינֶען עֶרֶענְסְט, אִיהר דַארְפְט גֶעדֵיינְקֶען וֶוער אוּנ וָואס אִיהר זַייט, אִיהר פֶערְשְׁטֶעהְט?

(צו ליב אחתן) דער

דער לֶעהרֶער הָאט זִיךְ גֶעפִיהלְט שְׁטַארְק בֶּעלֵיידִיגְט.

— אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה שוֹין, — הָאט עֶר מִיט כַּעַס גֶעאֶנְטְפֶערְט — אִיהר אָבֶּער, וְויא מִיר דַאכְט, זַייט שוֹין גַאנְץ לַאנְג קֵיין קִינְד נִיט, אִיהר הָאט שוֹין אוֹיךְ גֶעדַארְפְט פֶערְשְׁטֶעהן, אַז מִיט גֶעלְד קוֹיפְט מֶען נִיט קֵיין מֶענְשֶׁען אִין גַאנְצֶען, אִיךְ נֶעם גֶעלְד פַאר מַיין לֶערְנֶען אַייךְ, אָבּ גֶעלֶעהרֶענְט — בִּין אִיךְ פְרַייא, אִיהר הָאט אוֹיף מִיר קֵיין דֵעות צוּ זָאגֶען.

אננא אִיז טַאקֶע גָאר נִיט גֶעוְואהנְט צוּ דֶעם, מֶען זָאל אִיהר דֶערְווִידֶער זַיין, אוּנ אִיז אָנְפַאנְגְס גָאר אָבּ הָאנְדְטִיג גֶעוָוארֶען.

— אַזוֹי גָאר? — הָאט זִיא אוֹיס גֶערֶעדְט מִיט הַאס אוּנ שְׁטַארְק פֶערְבִּיסֶען דִיא לִיפּ אַזְש בִּיז בְּלוּט.

— וְויא אַנְדֶערְשׁ?

— נוּ, אוֹיבּ אַזוֹי קָאנְט אִיהר שוֹין פָאהרֶען.

— מִיךְ אַרְט דָאס אוֹיךְ נִיט, בֶּעצָאהלְט מִיר נָאר, וָואס ס קוּמְט.

— אננא אִיז אוֹיסֶער זִיךְ גֶעוָוארֶען פוּן כַּעַס.

— דָאס וֶועלֶען מִיר שוֹין זֶעהֶען שְׁפֶּעטֶער.

— פוּן מַיינְט וֶועגֶען מָאג אִיצְטֶער זַיין דֶער שְׁפֶּעטֶער.

— טְפוּ! — הָאט זִיא אוֹיס גֶעשְׁפִּיעֶנֶען אוּנ מִיט גְרוֹיס כַּעַס אַרוֹיס פוּן צִימֶער.

אַגַאנְצֶע נַאכְט הָאבֶּען זַייא בֵּיידֶע נִיט גֶעשְׁלָאפֶען, אוֹיף מָארְגֶען אָבֶּער אִיז גֶעוֶועזֶען שְׁטִיל, אוּנ אִין אָבֶענְד אִיז זִיא גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען זִיךְ גְלַייךְ וְויא גָאר נִיסְט נִיט גֶעוֶועזֶען, נָאר דֶער עַזוּת פְּנִים׳דִיגֶער לֶעהרֶער הָאט אָנְגֶעטָאן זַיין מַאנְטֶעל אוּנ אַרוֹיס אִין דְרוֹיסֶען, אננא הָאט פַאר גְרוֹיס כַּעַס גָאר נִיט גֶעוואוּסְט, וָואס צוּ טָאהן, נָאר בַּאלְד הָאט זִיא זִיךְ בֶּערוּהִיגְט אַבִּיסֶעל, אוּנ הָאט דֶעם לֶעהרֶערְס אַלֶע זַאכֶען אַרוֹיס גֶעוָוארְפֶען אִין דְרוֹיסֶען.

— אִין קִיךְ אֲפִילוּ זָאל מֶען דֶעם פַארְךְ אוֹיךְ נִיט אַרַיינְלָאזֶען אִיהר הָארְט?!

— מִיר הָארֶען, אנינקע, — הָאבֶּען דִיא קֶנֶעכְט גֶעאֶנְטְפֶערְט.

(צוּ לִיבּ אחתן)

— וויא אַהוּנד זָאלט אִיהר אִיהם פֶערְטְרַייבֶען, אִיר חָאכֶם!

— מִיר הֶערֶען, פַאנֶיענֶקא.

— אַנְרָאשֶׁען וֶועל אִיךְ אִיהם נִיט גֶעבֶּען, — הָאט זִיא צוּ זִיךְ אַלַיין גֶעזָאגְט, — אוּנ עֶר אִיז וֶוערְטְה, דֶער הוּנְד אֵיינֶער! וואוּ אִיז דָאס גֶעהֶערְט גֶעוָוארֶען? אַזוֹיפִיעל הָעזָה! עֶר מֵיינְט אִין דֶער אֶמֶת'ן, אִיךְ בִּין אַבִּי וָואס, — עֶ! אַלֶעהֶרֶער דַארְף וִויסֶען זַיין אָרְט, אַלֶעהֶרֶער דַארְף קֵיין חָזִיר נִיט זַיין!

דֶער לֶעהְרֶער אָבֶּער הָאט שׁוֹין בַּייא אִיהר מֶעהר קֵיין גֶעלְד נִיט גֶעבֶּעטֶען אוּנ זִיךְ שׁוֹין מֶעהר נִיט אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּ אִיהר.

## 4.

## מַעֲשֶׂה שָׂטָן.

אוֹיף'ן דְרִיטֶען טָאג, וָוען אננא הָאט אִיהר לֶעהְרֶער אַרוֹיס גֶעטְרִיבֶען, אִיז אִין „אייכאווקע" אָנְגֶעפָארֶען וואסערמאן דֶער לַאנְד שַׂרְבָן.

— אַ, אַיין נַאסֶט! שׁוֹין לַאנְג נִיט גֶעזֶעהֶען? נָאר פֶּערְגֶעסֶען זִיךְ אָהן אוּנְז, — הָאט אננא מִיט פְרֵידֶען אוֹיף גִיךְ אוֹיס גֶערֶעט אִין אֵיין אַטְהָעם.

— נֵיין אננאצקע, אַזַא שֵׁיין מֵיידֶעל, וִויא אִיהר, פֶּערְגֶעסְט זִיךְ נִיט בַּאלְד, — הָאט וואסערמאן גֶעאֶנְטְפֶערְט, בַּייבֶענְדִינג דִיא הַאנְד מִיט פֶערְגֶענִיגֶען אוּנ פְרֵיינְדְלִיךְ — אִיךְ גֶעדֵיינְק אֲפִילוּ אֵייעֶרֶע גוּטֶע פַּאפִּירָאסֶען, אִיהר גֶעדֵיינְקְט?

— מֶען הָאט שׁוֹין אֲפִילוּ נֶעקָאנְט פֶערְגֶעסֶען, אַזַא לַאנְגֶע צַייט נִיט גֶעזֶעהֶען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג גֶעוַוארְט אוֹיף אַייךְ, אוּנ אָנְגֶעגְרֵייט פַאר אַייךְ נָאךְ בֶּעסֶערֶע פַּאפִּירָאסֶען, אֶמֶת'ע גוּטֶע, אַדְרַבָּא פֶערְזוּכְט.

דֶער בַּייא הָאט זִיא אִיהם דֶערְלַאנְגְט אַקְלֵיין קָאבְּטֶעל פַּאפִּירָאסֶען עֶרְסְטֶע זָארְט. וואסערמאן הָאט פֶערְבֵּייבֶערְט אוּנ מִיט גַדְלוּת אַרוֹיס גֶעבְּלָאזֶען אַגַאנְצֶען וָואלְקֶען רוֹיךְ.

— טַאקֶע אֶבֶת'ע גוּטֶע.

— איהר זעהט ? אלץ פון אייערט וועגען , און איהר פערלאזט אונז גאר .

— איך האב דאך אייך געזאגט , — אננאצקע , — האט וואסערמאן געאנטפערט , וועגענדיג זיך אויף זיינע שרייהענדע שטיפעל , — אז איך האב אייך ניט פערגעסען , און אז וואסערמאן זאמט זיך , מכתמא — דארפט איהר וויסען זיין — איז ניט אומזיסט , איהר זייט דאך אקלוגע , (דערביי האט ער זיא אנגענומען פאר'ן האנד) איהר פערשטעהט דאך אליין , אז אהן אצייט . איז קיין צייט ניט , דער פאר אבער אננאצקע , — (דערבייא האט ער זיא אגלאט געטאן פאר'ן באק און ווילד געשמייכעלט) האב איך אייך געבראכט נייס , אבער נייס , וואס נייס הייסט ! איהר ווייכט דאך אז איך , וואסערמאן , בין דאך עפעס אויך , ניט קיין אנדערער , און פון אייערט וועגען , אננאצקע ! אך ! איך מיט אייך , וויא דיא היינטיגע זאגען , מיר זיינען דאך עפעס וויא אנדערע צווייא .

— ניין , זאגט איהר , האט איהר געבראכט ? — האט אננא ניינעריג געפרעגט .

— נייס זאגט ער ! וואס מיינט איהר אזוי זיך נייס גלאט אין דער וועלט אריין ? א ! איהר מאגט מיך האפען קוסען פאר מיינע נייס .

— אזוי ? אדרבא , זאגט !

— מען טאהר זיך ניט איילען , מיין פריינד , — האט וואסערמאן געאנטפערט , פערבייכענדיג אצווייטען פאפיראס , — נו , אוועלטעלע איז דאס היינט ?

— אפערפיהרטע וועלט , וואס זאל מען רידען ?

— עט .

— אוויסטע מאדע , הערט וואסערמאן .

— נו , אבער צלץ אשיין וועלטעל , אין דעם בין איך , פערשטעהט איהר מיך , כודה צו דיא היינטיגע ; מען איז מאקע דעם אמת זאגענדיג , אסך קליגער פון אמאל ; אמאל—האט נאר האט דער ערסטער שדכן , אליעזר האט מען איהם גערופען , איהר (צו ליב אחתן)

ווייסט

הייסט אֶפְשָׁר ? אין חומש שטעהט עס בפירוש געשריבען—געזאגט אז פריהער וועט ער רייזען, און דער נאך וועט ער עסען, די היינטיגע שדכנים, אבער, פערשטעהט איהר מיך, זייגען שוין קליגער און זאגען טאקע פערקעהרט.

— אך, האט קיין פעראיבעל ניט, אין מחשבות׳ן גאר פערגעסען זיך, איהר ווילט אפשר עסען, אדער טהיי, שעמט זיך ניט, זאגט דעם אמת. — אדרבא טראפט. — אביסעל בראנפען ?

— נו, טאקע אלע זאכען.

ביין עסען האט וואסערמאן דערצאהלט, אז דער שדוך, וואס ער רעדט איהר איצונד פון „אלטעדעמבאוזקע" וועט זיך געוויס אויספיהרען אין גיכען, דער מחותן איז אפילו פון דער אלטער וועלט אבער אשיינער יוד, געווען אמאל גאר אגרויסער נגיד און איצט איז ער אפילו ניט אזוי, אלץ אבער קיין קבצן ניט, דער חתן איז געבילדעט און קלוג א. ז. וו.

— עס איז שוין כמעט ווי א אויס געפיהרט געווארען — האט געענדיגט וואסערמאן זיין ערצאהלונג — דעם מחותן, פערשטעהט איהר מיך, איז געפעלען געווארען דער יחוס, און דעם חתן — די צעהענטויזענדער במזומנים, און ווייטער איז דאך עפעס וואסערמאן אונטערהאנד אין אלעס, זאג איך אייך, וועט אבגעטאן ווערען ווי א געוואונשען, און דעם אמת זאגענדיג, גאר אהן אבך מיה, אט דאס איז טאקע ווי מען זאגט: „דער בעשערטער קומט אין צוויי ווארטעריא, אננאצקא, וואסערמאן איז פארט וואסערמא, ניט קיין צנדערער, איהר זעהט ?

— יא, איך ווייס שוין גאנץ גוט וואס פאר א גוטער פרייד איהר זייט מיר.

— אלץ הייסט ! אגוטער פריינד צו אגוטען פריינד איז דען גלייך ? אט פאהר איך מיך מארגען קיין „אלטדעמבאוזקע", און אין דריא טאג ארום בין איך דא מיט׳ן חתן.

— אזוי גיך ?

— פערשטעהט איהר מיך, וואס גיכער איז אלץ בעסער.

שמועסט (צו ליב אתתן)

טועסט מיט שלעכטע צינג! קיין מעשיות דארף איך נאך זייך ניט דערצעהלען, איהר ווייסט אליין נאנץ גוט, וואס זייא קאנען אבטאן, דא אבער, — האט זיך וואכערמאן געטרויסט, גלאטינדיג זיין לאנגען בארד, — דא וועט שוין אזעלכעס ניט אנגעהן, אייערע שונאים וועלען נאך קיין צייט ניט האבען ארום קוקען זיך, וועט שוין אלעס אבגעטאן ווערען טאקע ווייא מיר מיינען.

— אבער אזוי גיך? — האט אננא איבער גערעדט, טראכטענדיג דערביי: אז מען וואלט קאנען נאך פריער, וואלט געווען נאך בעסער.

— אונ וואס איז דיא ווארטענים? וועניג נאך געווארט? נאר אויף אזא חתן איז טאקע, כ'לעבען, כדאי געווען צו ווארטען.

— וויא רופט מען דעם מחותן?

— גדליה קארענפעלד, אונ דעם חתן רופט מען „מאקס", ער איז איינער זאג איך אייך, אין אנועלט, איהר מאגט זיך נאכפרעגען ביי וועמען איהר ווילט.

— ביי וועמען למשל?

— דארט ביי פייטעל דעם שניידער.

— פייטעל דער שניידער? — האט אננא איבער געפרעגט אום צופרידען.

— יא, ער איז, דאכט מיך, פון „אייכאווקע"? — נו!

— איצט וואהנט ער אין אלטדעמבאווקא. ערקאן, פערשטייט איהר מיך אייך גוט, אונ דאס זעלבע דיא מחותנים, ער וועט אייך זאגען דעם אמת. דיא מחותנים האב איך אויך געהייסען נאכפראגען ביי איהם.

— אך! וואס האט איהר דאס געטאן? — האט אננא מיט פערדרוס אין כעס אוים געשריען. — וואס איז?

— ער איז דאך אונזערער אשונא.

— קיין נוטער זאל אייך ניט קאנען, — האט ער זיך געטראכט, — א־ע זיינען זייא שונאים.

— פאר וואס? — האט ער געפרעגט. —

(צו ליב אחתן)

— אָ! נָאך פון לַאנְג, זַיין טַאטֶע מֵיינְ'ם מֵיינֶעם. עָלָיו הַשָּׁלוֹם, האָבֶּען זִיך אַמָאל פֶערְקְרִיעגְט.

— עֶט! פּוּסְטֶע זַאכֶען, בְּנָאֶמָנוּת, דָער צוּ דַארְפְט אִיהר וִויסֶען זַיין, אַז וואסערמאנן אִיז פָארְזִיכְטִיג אוֹיף יֶעדֶער טְרָאט, — הָאט וואסערמאנן זִיא גֶענוּמֶען בֶּערוּהִיגֶען מִיט זַיינֶע לִיעגֶען — אַ קַשְׁיָא אוֹיף אַמַעֲשֶׂה, טְרַאכְט אִיהר זִיך, אֶפְשָׁר אַשׁוֹנֵא, אוּנ זֶעהט אַקָארְסט, אננאצקא, אַז אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעטְרָאפֶען.

— אַנַאר אִיז אַנָבִיא, — הָאט אננא גֶעֶנְטְפֶערְט מִיט אַפַאלְשֶׁען שְׁמֵייכֶעל, — טָא! נָאר זָאל זַיין אַזוֹי, הָארְט נָאר אַקָארְסְט. נוּ, טְרַאכְט אִיךְ מִיר אַזוֹי, אוּנ בִּין אַוֶועק צוּא פייטלען. הֶער, פייטעל, — זָאג אִיךְ אִיהם, — אַזוֹי אוּנ אַזוֹי, וֶועסְט אֶפְשָׁר אָנְרֵיידֶען?

— בֶּע! — הָאט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט. —

— זֶעה, פייטעל, זָאלְסְט הַאלְטֶען צוּנְג, — זָאג אִיךְ אִיהם — אִיךְ וֶועל דִיר דָער פַאר גוּט בֶּעצָאהלֶען, קָאנְסְט דָאךְ עֶפֶּעס מִיךְ, אִיךְ פֶערְלָאז נִיט אַגוּטֶען בְּרוּדֶער, וָואס הֶעלְפְט מִיר אוֹיס. — דָער צייל, פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ, הָאבֶּען מִיר אַגוּטֶען שְׁנֶעפֶּעל גֶעמַאכְט, נָאר אַחְסִידֶעשֶׁען, אוּנ עֶר הָאט מִיר גֶעשְׁוָוארֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער, אוּנ מִיט זַיין גַאנְצֶער עוֹלָם הַבָּא, אַז עֶר וֶועט שׁוֹין וִויסֶען, וָואס עֶר הָאט צוּ טָאהן. זַייט רוּהִיג, עֶר וֶועט נִיט גָאר נִיט קַאלְיֶע מַאכֶען, עֶר וֶועט נָאךְ פֶערְלוֹיבֶּען אִין טָאג, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אִיהם, פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ, צוּ גֶעזָאגְט דָער פַאר גֶעלְד, אוּנ גֶעלְד... אַךְ, גֶעלְטֶעלֶע! וָואס, נִיט אַזוֹי, אננא? אננא אִיז פְרֵייהֶער גֶעוָוארֶען אוּנ גֶעשְׁמֵייכֶעלְט.

— נוּ, פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ, — הָאט וואסערמאן גֶעֶנְדִיגְט זַיינֶע רֵייד, — אִיהר קָאנְט שׁוֹין זַיין גַאנְץ זִיכֶער, אוּנ פֶערְטִיג וֶוערֶען אִין גַאנְצֶען, אִיךְ מֵיין, פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ, צוּא גְרֵייטֶען זִיךְ מִיט אַלֶעס, אִין דְרַייא טָאג אַרוּם בִּין אִיךְ דָא מִיט'ן חָתָן, אוּנ מִיר שְׁרַייבֶּען תְּנָאִים, אוּנ מִיר טְרִינְקֶען בְּרַאנְפֶען, אָבֶּער טַאקֶע וָואס טְרִינְקֶען הַייסְט. אַיָא, אננאצקא, אִיהר וֶועט נִיט זַאלֶעוֶען?

— אִיהר וֵוייסְט דָאךְ.

— נוּ , אָט אַזוֹי רֶעדְט , אָט אַזוֹי הָאבּ אִיךְ הָאלְט , — הָאט עֶר גֶעזָאגְט גַאנְץ פְרָאהלִיךְ אוּנ אָנְגֶענוּמֶען אנא'ן פַאר'ן טַאלְיֶע . זַיין פְּנִים הָאט גֶעפְלַאמְט אוּנ פוּן מוֹיל הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעלָאזְט הָארֶען דֶער רֵיחַ פוּן בְּרַאנְפֶען .

אננא הָאט מִיט אַשְׁמֵייכֶעל זִיךְ בֶּעפְרַייהט פוּן זַיינֶע הָאנְד, וואסערמאן הָאט אוֹיף אִיהר גֶעקוּקְט מִיט אַזַא מִינֶע , וִויא אַיינֶער זָאגְט וִוילְסְט נִיט , בַּארְף מֶען נִיט . — נוּ, גְרַייט זִיךְ , גְרַייט זִיךְ , הָאט עֶר גֶעזָאגְט — וואסערמאן , בַּארְפְט אִיהר וִויסֶען זַיין , אִיז דָאךְ עֶפֶּעס וואסערמאן , נִיט קֵיין אַנְדֶערֶער , עֶר וֶועט שׁוֹין פוּן זַיין זַייט אַלְץ אָבְּמַאכֶען , וִויא מֶען זָאגְט , גְלַאט אוּנ גוּט, נָאר פוּן אַייעֶר זַייט,—אִיהר פֶערְשְׁטֶעהט ?

— יַא , אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה ? — נִיט צַייט נָאךְ , וָואס ? דִיא אַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אַלֵיין קָאנְנֶען שׁוֹין גוּט אוֹיכְלֶעהרְנֶען , — הָאט וואסערמאן וִויא מִיט זִיךְ אַלֵיין גֶערֶעדְט , — אוּנ עֶס זָאלל טַאקֶע זַיין , — הָאט עֶר פֶערְהָאכֶערְט זַיין שְׁטִימֶע — פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ , אִיהר וַוייסְט דָאךְ שׁוֹין .

אוּנ אננא הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּא גְרַייטֶען מִיט אַלְלֶעס וָואס זִיא פֶערְשְׁטֶעהט אוּנ וַוייס . זִיא הָאט גֶענוּמֶען דֶערְמָאנֶען אַלֶע סְפָרִים אוּנ מְחַבְּרִים , וָואס דֶער לֶעהרֶער הָאט אַרוּם גֶערֶעדְט , נָאר , אָ ! פִּינְקְט עֶפֶּעס וִויא דָאס קִינְד אִין דֶער מוּטְטֶערְס בּוֹיךְ , נַאנְצֶע זַייעֶן חֳדָשִׁים לֶעהרֶענְט אִיהם אַמַלְאָךְ , לֶעהרֶענְט אוּנ לֶעהרֶענְט , אוּנ— לְסוֹף פוּן אַיין שְׁנֶעל אִין נָאז וֶוערְט אַלְלֶעס פֶערְגֶעסֶען . אִין אננא'ס זִכָּרוֹן אִיז נָאר פֶערְבְּלִיבֶּען אַיין סְמַיילְס מִיט זַיין חַאראַקְטֶער .

— זֶעהסְט דָאךְ , — הָאט זִיא זִיךְ מִיט פֶערְדְרוּס גֶעטְרַאכְט , גְרַאדֶע אִיצְטֶער , מַעֲשֵׂה שָׂטָן , אִיז דֶער לֶעהרֶער נִיט דָא . אַזוֹי פִיל זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטַאנֶען , אוּנ וֶוען מֶען דַארְף אִיהם אִיז , מַעֲשֵׂה שָׂטָן , גָאר נִיכְט !

זִיא הָאט אִיהר כַּעס אוֹיסְגֶעגָאסֶען אוֹיף וֶועמֶען זִיא הָאט נָאר גֶעקָאנְט , אוּנ גֶענוּמֶען זִיךְ בְּנֶדֶר , אַז וֶוען גָאט בָּרוּךְ הוּא וֶועט אִיהר אוֹיסְהֶעלְפֶען אָהן דֶעם לֶעהרֶער, וֶועט זִיא זִיךְ שׁוֹין מִיט אִיהם אָבְּרֶעכֶענֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט , סַיידֶען אִיהר נָאמֶען אִיז נִיט ״אננא״ .

(צו ליב אחתן) ליודי—

ל״ן ש׳ זֶכֶער הָאט זִיא שׁוין מֶעהר דֶעם לֶעהְרֶער אִין דִיא אוֹיגֶען
גֶעוֶועהְן.

# 5.

## דָאס יָחוּס בְּרִיעף.

אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט וָואס וואסערמאנן אִיז גֶעוֶוען בַּייא אננא׳ן, אִיז פייטעל, דָארְט אִין „אַלְטְדֶעמְבָּאוּוְקֶע׳ גֶעזֶעסֶען בַּייא גדליה קארענפעלד. — וַוייסְט, פייטעל, וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶערוּפֶען? — הָאט גדליה גֶעפְרֶעגְט. — אוֹיף וָואס רוּפְט מֶען אַשְׁנַיידֶער, גֶעווִיס עֶפֶּעס נַייֶען, גָאט זָאל הֶעלְפֶען, אִיךְ הָאבּ דֶערְפַאר טַאקֶע דִיא מָאס מִיטְגֶעבְּרַאכְט.

— דָא בַּארְף מֶען הָאבֶּען אַיין אַנְדֶער מָאס, נִיט קַיין שְׁנַיידֶערְשֶׁע, — הָאט מאקס גֶעשְׁמֵייכֶעלְט,

— הָאר, פייטעל, דוּא בִּיסְט, בַּאכְט זִיךְ אַן-אַייכָאוְוקֶער?

— יָא, טַאקֶע פוּן אייכאווקא.

— קָאנְסְט דָארְטֶען אַלְלֶעמֶען?

— וָואס אִיז אייכאווקא עֶפֶּעס אַבְּרַךְ וָואס? אַקְלֵיין מַאיָאנְטָאק, נוּ, אִיז וִויא קָאן מֶען נִיט? — וֶועמְעס אִיז דֶער מַאיָאנְטָאק?

— אַמָאל אִיז עֶר שַׁייךְ גֶעוֶוען צוּ אַגְרוֹיסֶען פְּרִיץ, עֶפֶּעס אַמִין גְרַאף אָדֶער אַקְנִיאז, דֶער גוּטֶער יָאהר וַוייס אִיהם דָארְט. וָואס זָאל מֶען רֵיידֶען, ר׳ גדליה? אַמָאל אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַוֶועלְט, פְּרִיצִים זַיינֶען גֶעוֶוען פְּרִיצִים, אוּנ יוּדֶען הָאבֶּען אַרוּם זַייא גֶעלֶעבְּט גָאר נִישְׁט קָשֶׁה׳דִיג, אוּנ הַיינְט, — עֶט, ר׳ גדליה, עֶט, נִישְׁט, זָאג אִיךְ אַייךְ, ר׳ גדליה, נִישְׁט! — נִישְׁט, נִישְׁט, — הָאט גדליה גֶעאֶנְטְפֶערְט — אוּנ צוּ וֶועמֶען גֶעהָארְט אִיצְט דֶער מַאיָאנְטָאק? — הָאט מאקס גֶעפְרָאנְט.

— אִיצְט וַוייס אִיךְ נִיט, — הָאט פייטעל גֶעאֶנְטְפֶערְט, —

— אִיהר זֶענְט שׁוין לַאנְג פוּן דָארְטֶען? — הָאט גדליה גֶעפְרָאנְט. — פִינְף יָאהר שׁוין, פַיין פְרַיינְד. —

— נוּ וַוייסְט אִיהר נִיט צוּ וֶועמֶען עֶס גֶעהָארְט „אייכאווקא׳?

(צוּ לִיבּ אחתן) פריהער

— פְרִיהָער , פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ , הָאט אִיהם אָבְּגֶעקוֹיפְט אַיוּד , פוטערמאן אַיינֶער , נָאר עֶר אִיז שוֹין גֶעשְׁטָארְבֶּען , אונ דִיא יוֹרְשִׁים הָאבֶּען אִיהם וִויעדֶער , דַאכְט זִיךְ , פֶערְקוֹיפְט אַפְּרִיץ .

דֶער זוהן הָאט אַקוּק גֶעטָאהן אוֹיפְ'ן טַאטֶען , אונ דֶער טַאטֶע אוֹיפְ'ן זוהן .

— אִיהר ווייסְט עֶס זִיכֶער ? — הָאט מאקס גֶעפְרָאגְט . —

— דַאכְט זִיךְ , אִיךְ הָאבּ גֶעהָארְט , דִיא אַלְמָנָה הַאלְט עֶס אִיהם אִיצְטֶער נָאר אִין אַרֶענְדֶע . —

— עֶס קֶען נִיט זַיין , — הָאט גדליה אוֹיסְגֶערֶעדְט — מֶען הַאלְט אִיהם עֶרְסְט בַּיי פֶערְקוֹיפֶען , עֶפֶּעס אַגוטֶער מַאיָאנְטָאק ?

— נִישְׁט קָשֶׁה , אַמָאל הָאט מֶען אִיהם גֶעקוֹיפְט גָאר בִּיכְלִיג .

— וְויא אַזוֹי ?

— עֶס אִיז גֶעוֶועןְ , פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ , אַזַא מַעֲשֶׂה , עֶס אִיז גֶעוֶועןְ אִין יֶענֶער צַייט , וָואס דִיא פוֹילִישֶׁע פְּרִיצִים הָאבֶּען זִיךְ פֶעגַאנְדֶער גֶעשְׁפִּילְט . עֶס הָאט זִיךְ פוּן זַייא אוֹיסְגֶעלָאזְען , וָואס זָאל מֶען בֵיידֶען ? עֶט ! — עֶט ! — הָאט גדליה גֶעעֶנְטְפֶערְט .

— דֶער גְרָאף , זָאל זַיין דֶער גְרַאף אִיז גִישְׁטָארְבֶען , פִיל פוּן זַייא הָאט מֶען פֶערְשִׁיקְט , אַנְדֶערֶע צוּ רָאפֶּען , דָא אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַיין יוֹרֶעשְׁשָׁע , אַמֵיידֶעל . זִיא הָאט שוֹין גֶעהַאט אַחָתָן , עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועןְ אִין דֶעם טַאנְץ , נָאר עֶר הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעדְרֶעהט אונ אַנְטְלָאפֶען גֶעוָוארֶען אִין אוֹיסְלַאנְד , דִיא מֵיידֶעל אִיז גֶעוֶועןְ , וַויא זָאל אִיךְ אַייךְ עֶס זָאגֶען , עֶפֶּעס וְויא צַמְתְּיַאשְׁדִיגֶע , דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט — נָאר וְיִשְׁט . עֶס הָאט זִיךְ אִיהר זֶעהר גֶעווָאלְט צוּם חָתָן , אַכַּפָּרָה דֶער מַאיָאנְטִיק , אַכַּפָּרָה אַלְץ , עֶס אִיז אִיהר שוֹין נִיט נִיחָא גֶעוֶועןְ צוּ קוּקֶען אוֹיף אִיהם , דַאמָאלְסְט אִיז צוּ אִיהר גֶעקוּמֶען פוּטערמאן , רֵיידֶען הָאט עֶר גֶעקָאנְט , אַבִּיטְרָא זַאךְ , פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ , נוּ הָאט עֶר זִיא אַיינְגֶערֶעדְט גָאר פֶערְקוֹיפֶען דֶעם מַאיָאנְטַאק , אונ זִיא הָאט אִיהם פֶערְקוֹיפְט דֶעם גַאנְצֶען מַאיָאנְטַאק טַאקֶע בְּחָצִי חִנָם , פְרָאכְט פַאר אַנָאר גִיסְט . — וָואס הֵייסְט , — הָאט מאקס גֶעזָאגְט — בַּייא אַזוֹנְגֶערִיגֶען גֶעקוֹיפְט אַבְּכוֹרָה פַאר אַטָאפ לִינְזְען — גדליה הָאט

אוים גֶעשְׁטֶעלְט אויף זַיין זוהן זַיינֶע אויגֶען אונ גֶעקוּקְט בַּייז.

— וָואס דָען מֵיינְט אִיהר ? — הָאט פַּייטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט — אַזוי אִיז דִיא גַאנְצֶע וָועלְט.

— אָ ! — הָאט גד׳יה אַרוֹיס גֶעלָאזֶען — אונ וָואס פַאר אַנְ׳שֶׁעפְּטֶען הָאט עֶר פְרִיעֶר גֶעהַאט ? — הָאט עֶר ווִידֶער גֶעפְרָאגְט.

— גֶעשֶׁעפְּטֶען, נוּ, פְרִיהֶער גֶעוֶוען אַפַּאטְהֶעקֶער דֶער נָאךְ גֶעגֶעבֶען פְּרִיצִים גֶעלְד אויף פְּרָאצֶענְט אָט אַ־זוי וָוערְט מֶען עֶס אויפְגֶערִיכְט...

— נִיט דָא אַמָאלִיגֶע יָאהרֶען ! — הָאט גדליה אַזוֹיפְן גֶעטָאן.

— דֶער נָאךְ גֶעהַאנְדֶעלְט מִיט בְּרַאנְפֶען, גֶעהַאלְטֶען אַיינֶענֶע זַאוָואדֶען.

— אַוויינְשְׁפִּינְגֶערֶעל, וָואס זָאל מֶען רֵיידֶען ?

— אוּנ דֶער נָאךְ, פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר שוין, אַז מֶען הָאט גֶעלְד אִיז דָא גֶעשֶׁעפְטֶען.

— פֶערְשְׁטֶעהט זִיךְ, וָואס, עֶר אִיז מַאקֶע אַיִחְסָן אויךְ ?

— אָ ! אַלֶע יוּדֶען זַיינֶען יַחְסָנִים... אַקִימֶענְקֶעהרֶער אִיז אִיז אויךְ פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ׳ס קִינְדֶער. — נוּ ?

— נָאר נִיכְט מֶען בֶּעצִיהט אַפֶּעלְץ מִיט אַיין אַייבֶּערְשְׁלַאג וֶוערְט עֶס אַפּוּטֶער. — וָואס הַייסְט ?

— פָּשׁוּט, מֶען וָוערְט בַייךְ, וֶוערְט מֶען אַיַחְסָן.

— וִויא אַזוי — הָאט מַאקְס גֶעפְרֶעגְט —

— גֶעלְד, פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ, אִיז דֶער בֶּעסְטֶער טַאטֶע, אוּנ מֶען ווִילל גָאר נִיט עֶר זָאל שְׁטַארְבֶען, מִיט גֶעלְד קוֹיפְט מֶען זִיךְ כָּבוֹד, מִיט גֶעלְד טְהוּט מֶען גְרוֹיסֶע שְׁדוּכִים, מֶען גֶעמְט אַשַׁיינֶעם אַיידִים, מֶען וָוערְט אַמְחוּתָּן מִיט אַגְרוֹיסֶען רָב, אוּנ אַזוי גֶעהט עֶס מִיט גֶעלְד וָוערְט מֶען אַגוּט בְּרוּדֶער מִיט דִיא רוֹיטְהֶע קָאלְנֶער, אוּנ דִיא גַאנְצֶע כְּבוּדָּה וֶוערְט אִין זַיין הַאנְד, מֶען פִיהְרְט אַלֶעמֶען פַאר׳ן נָאז. דֶער אַלְטֶער טַאטֶע שְׁטַארְבְּט, מֶען שְׁטֶעלְט אִיהם אַשַׁיינֶע מַצֵּבָה אוּנ מֶען וָוערְט שוין מְמֵילָא אַיַחְסָן. —

— וָואס, עֶר אִיז עֶר חָאטְשׁ לְכָל הַפָּחוֹת עֶפֶּעס גִיוֶוען

אַנוּטֶער מֶענְש ?

— נו ! עֶר אִיז גִיוֶועֶן וִויא מֶען רוּפְט עֶס אָן אַנוּטֶער רָשָׁע, אָדער פְּרָאסְט אוֹיף שְׁנֵיידֶער לָשׁוֹן הֵייסְט עֶס „אַקַארְגֶער וַתְּרָן“, „אַשְׁלֶעכְטֶער בַּעַל רַחֲמִים“ . . . אַוַתְּרָן וואו נוֹגֵעַ צוּ זִיךְ, אוּנ אַקַארְגֶער צוּם צְוֵויישְׂטֶען, אַזוֹי זִיךְ אַשְׁלֶעכְטֶער אוּנ פַּאר כָּבוֹד — אַ בַּעַל רַחֲמִים . . . אָט אַזוֹי אִיז עֶס, דֶעם טְהוּט מֶען אַרָעָה, דֶעם אַטוֹבָה, אַז מֶען הָאט גֶעלְד, קָאן מֶען אַלֶץ טָאהן.

— אַלֶץ, אַלֶץ, — הָאט גדליה גֶעעֶנְטְפֶערְט.

— אוּנ דִיא טָאכְטֶער זַיינֶע קָאנְט אִיהר ? — הָאט מאקס זִיךְ נִיט אַיינְגֶעהַאלְטֶען אוּנ גֶעפְרָאנְט.

— אִיךְ קֶען אֲפִילוּ אִיהר מַאן אוֹיךְ, וִויא דֶען ? נִיט אַיין מָאל דַארְטֶען אִין שְׁטוּבּ גֶעוֶועֶן. — נַיין, אִיךְ מֵיין, דִיא כַּלָּה.

אַ ! אננא׳ן מֵיינְט אִיהר ? אָט אַזוֹי רֶעדְט ! דִיא כַּלָּה, נוּ, קָאן אִיךְ זִיא, פַּאר וָואס נִיט ? נָאךְ מִיט צֶעהָען יָאהר צוּרִיק אִיז זִיא גֶעוֶועֶן דִיא זֶעלְבֶּע כַּלָּה וָואס אִיצְטֶער.

— וָואס רֶעדְט אִיהר ? מֶען זָאגְט דָאךְ אַז זִיא אִיז דָאךְ מֶעהר נִיט וִויא אַכְצָעהן יָאהר.

— יַא, יַא, — הָאט פֵּייטֶער גֶעשְׁמֵייכֶעלְט, — אַלֶע כַּלּוֹת זַיינֶען אַלט נָאר אַכְצֶעהן יָאהר; נָאר מֵיין פְרֵיינְד, דָאס אִיז אַלֶץ גֶעוֶועֶן מַאקֶע מִיט צֶעהָען יָאהר צוּרִיק. נוּ, וָואס אִיז ? אַיין אַלְטֶע מוֹיד טָאר שׁוֹין גָאר קֵיין כַּלָּה נִיט זַיין ? אַלְטֶע בְּרַאנְפֶען, וִויא מִיר דַאכְט אִיז נָאךְ מֵהייעֶרֶער... — וָואס אִיז זִיא אִיז עֶפֶּעס גֶעבִּילְדֶעט ?

— דֶערוֹיף בִּין אִיךְ דָאךְ קֵיין מֵבִין נִיט.

— וִויא פִיל קְלַאסְסֶען הָאט זִיא גֶעעֶנְדִיגְט ?

— אַלֶע קְלַאסְסֶען פוּן שַׁייעֶר, פוּן שְׁטַאל א. ד. ג.

— אָט אִיז דִיר דָאס גַאנְצֶע יִחוּס בְּרִיעָף, — הָאט פָ֫רְדְרִיקְלִיךְ גֶעזָאגְט מאקס, וָוען פֵּייטֶעל אִיז שׁוֹין אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, —

— נוּ, וָואס זָאגְסְט דוּא דֶערוֹיף ? — הָאט גדליה גֶעפְרָאנְט.

— מֶען דַארְף פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אַפְּאהר טָאהן, מֶען דַארְף זֶעהָען.

— נ-נוּ. —

# 6.

## דיא צייט גֶעהמְט נְקָמָה.

נדליה מִיט מאקס'ן הָאבֶּען נָאךְ קֵיין צַייט נִיט גֶעהַאט גוּט מְיַישֵׁב זַיין זיךְ צוּ גְלוֹיבֶּען פֵּייטֶעל דָעם שְׁנַיידֶער צוּ נִיט, — לַייטֶען גְלוֹיבֶּען, — הָאט מאַקס גֶעזָאגְט, — אִיז טַאקֶע נִיטָא וָואס, דֶער וָועט לוֹיבֶּען, אוּנ דֶער וָועט שָׁאנְדֶען, מֶען דַארְף פָאהרֶען אוּנ זֶעהֶען. — בּוֹיעֶן אוֹיף אַשְׁנַיידֶער'ס דִבּוּרִים, — הָאט נדליה צוּ גֶעגֶעבֶּען מִיט סְפֵיקוֹת, — דֶער וַוייל אִ'ז אָנְגֶעפָאהרֶען וואסערמאנן אוּנ גֶענוּמֶען נאךְ מֶעהר אַיינְרֵיידֶען, אַז מֶען זָאל פָאהרֶען.

— חָלֶעבֶּען, ר' נדליה, — הָאט עֶר גֶעזָאגְט, — אִיהר זָאלְט קֵיין פֶערְאִיבֶּעל נִיט הָאבֶּען, אִיךְ הָאבּ פוּן אַייךְ מֶעהר גֶעהַאלְטֶען, גְלוֹיבֶּען אַשְׁנַיידֶער! אוּנ נָאךְ וָועמֶען? פייטלען! אַחַרְפָּה כְּנֶאֱמָנוּת, — אוּנ וִויא פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר נִיט, אַז פייטעל אִיז זַייא אַבְּלוּטִינֶער שׂוֹנֵא.

— פַאר וָואס לְמָשָׁל?

— פַאר וָואס? הַא, הַא, הַא! פַאר וָואס, פְרֶעגְט אִיהר, דַאכְט זִיךְ, אַייךְ אִיז אוֹיךְ גַאנְץ גוּט בֶּעוואוּסְט, אַז אַקְבְּצָן הָאט פַיינְד אַנְגִיד תַּכְלִית שִׂנְאָה. אָט, אַשְׁטַיינֶער, אַז אִיךְ וָואלְט אַייךְ נִיט קָאנֶען, אִיךְ וַוייס גַאנְץ גוּט, אַז אִיהר הָאט קֵיינֶעם חָלִילָה אִין אַייעֶר לֶעבֶּען קֵיין שְׁלֶעכְטֶס נִיט גֶעטָאהן, פוּן דֶענְסְטְוֶועגֶען הָאט אִיהר שׂוֹנְאִים. — אִיךְ שׂוֹנְאִים?!

— נוּ. זָאלְ זַיין גוּטֶע פְרַיינְד, — הָאט וואסערמאן אִירָאנִישׁ גֶעאֶנְטְפֶערְט, — נָאר מִיר דַאכְט, אַז גוּטֶע פְרַיינְד וָואלְטֶען אַייךְ נָאךְ נִיט אַזוֹיא פֶערְלוֹיבְּט.

— וָואס? מֶען הָאט אוֹיף אוּנְז אָנְגֶערֶעדְט? — הָאט מאקס גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער אוּנ פֶערְדְרוּס.

— אַלֶץ הַייסְט אָנְגֶערֶעדְט! — וָואס לְמָשָׁל?

— בֶּעסֶער פְרֶעגְט שׁוֹין נִיט, עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען גֶענוּג וָואס צוּ טָאהן, נָאר אִיהר דַארְפְט וִויסֶען זַיין, אַז וואסערמאן אִיז נִיט קֵיין צַוְדֶערֶער, אִיךְ בִּין דָאךְ פ"ח עֶפֶּעס אַבַּעל נֶאֱמָנוּת, מִיר

(צוּ לֵיבּ אהתן)

גלויבט מען אויפ'ן ווארט.

דאס האט טאקע געהאלפען דערצו, דאס אין ניבען האט
וואסערמאן געטעלעגראפירט קיין אייכאווקא, אז היינט מיט'ן
ערשטען צוג פאהרען זייא ארויס. אונ אין אייכאווקא איז נאך
דער אנגעקומענער טעלעגראמע געווען פשוט ערד ציטערניס. נאר
געלויבט איז גאט, מען האט זיך שוין קוים בערוהיגט, מען ווארט
שוין אויפ'ן חתן, אונ וואס האט שוין אננא ניט צו טאהן צו
ליב דעם אונבעקאנטען אורח? איז געשעהען שעה'ן לאנג אין
שפיעגעל, געמאכט זיך שיין. האט אויס געקליבען, וועלכע מינע
וועט זיא מאכען מילדער, האט אויס געקלערט אפלאן וויא צו
בעהאנדלען דיא ארעמע לייט, דיא פערשטעפטע קריינק, פון וועלכע
מען קאן גאר ניט פטור ווערען, אונ קאנען גראדע צו דער צייט
פערקריכען אהער, דיזער פלאן איז אזוי גוט — טהייער וועט ניט
קאסטען, אונ לייט וועלען מיינען אז נאך אזא אפענע האנד וויא
בייא איהר, איז גאר ניט צו געפינען.

— וואס קאן מען מאכען? — האט זיא זיך געטראכט מיט
פערדרוסען, — מען מוז זיך נאך ווייזען פאר אגוטע, — אזא
פערפלוכטע מאדע איז דאס היינט!...

זיא האט גענומען טוטשען איהר זכרון צו דער מאנען אלעס,
וואס זיא האט זיך אנגעהערט פון לעהרער, אונ אויף וויא פיעל
דאס האט איהר געלונגען, איז שוין לייכט זיך פאר צו שטעלען,
נאר זיא האט זיך שוין, נאך איהר מיינונג, פארבערייטעט מיט אללעס,
וואס דיא מאדע פאדערט, אונ זיא ווארט שוין אויפ'ן חתן. דיא
פערד זיינען שוין לאנג אויפ'ן סטאנציע, אט הארט זיך שוין וויא
דער פאיעזד געהט, אונ אויפ'ן הערצען ווערט שווערער, מרה-
שחורה'דיגער; אט זעהען זיך שוין דיא פערד, זייא פליהען טאקע
וויא אדלערען, אונ דאס הערץ טיאכקעט אונ צאפעלט, נאר אט
האבען זיך שוין דיא פערד אפגעשטעלט, דיא טיהר עפענט זיך שוין
אונ אננא איז געבליבען וויא פערשטיינערט, אונ איהרע אויגען,
וואס זיינען פערגלאצט געווען צום הימעל, האבען עפעס וויא מתפלל

(צו ליב אתהן)

געווען

נעהָען און געזאָגט: „העלף שוין מיר, רבש"ע, אין מיין נויט!" —
צום אָנפאַנג איז מאקס'ן דיא כלה געפעהלען געוואָרען, דען דאן איז ער געוועזען מעהר פערנומען מיט זיך, געשטאַרעט זיך ער זאָל געפעלען וועלען און וועניג נאך געטראַכט צוא איהם געפעהלט.
דיא ערשטע שמועסען זיינען געוועזען וועגען דער פּאָגאָדע, וועגען לאַנדשאַפט, וועגען דער רייזע א. ד. ג. דער נייל האט מען געטרונקען טייא, עפּעס צו געביסען, און אזוי איז אַוועק עטליכע שעה. ביז גדליה איז אויף געשטאַנען פון אָרט און אַרויס אין דרויסען, אין עטליכע מינוט אַרום איז אויך מאקס אַרויס.
— וואָס זאָגסט דוא? — האט מאקס געפרעגט —
— מיר דאַכט, אַז ניט שלעכט.
— נו! נאָר אַייל זיך ניט, מען דאַרף זיך גוט אַרומקוקען. היינטיגע צייטען, אַביסעל פערשטעלט, אַביסעל פערפוצט. —
— אַמאַסקע האַלט זיך ניט לאַנג.
— אַז מען האַנדעלט מיט פרעמדע געלד, באַנקראָטירט מען אין ניכען, און אַז מען לעבט מיט פרעמדען שכל, זאָגט מען, שטאַרבט מען אַנאַר... איך מיין, מען דאַרף ניט אַיילען, מען דאַרף זיך גוט צו קוקען, מיר... נאָר מיר וועלען זעהען שפּעטער.
זייא זיינען צוריק אַריין אין שטוב.
מאקס האט אויפגעהאַרט צו טראַכטען וועגען זיך און גענומען זיך צו קוקען, אננא האט זיך בערוהיגט אַביסעל, זיא האט געגלויבט, אַז זיא געפעהלט שוין, און אויפגעהאַרט איהר מאסקע אַזויא שטאַרק צו היטען.
א:נא'ס מוטטער, וואָס האט זיך שוין אַזוי אין קיין זאַך ניט געמישט, איז בייא אַזא צייט אויך אַרויס פון איהר שטענדיגען שלאָפצימער, אָנגעטאָהן זיך מחותנעסדיג און געמאַכט אַשמועס מיט גדליה'ן וועגען אַמאָליגע יאָהרען און פערצייטיגע מענשען, וואָס פאַר אַגוטע וועלט עס איז געוועזען, וויא רוהיג מען האט געלעבט און וויא גרינג מען האט קינדער חתונה געמאַכט. —
אננא מיט מאקס'ן זיינען אַוועק אין אַבעזונדערע צימער און

(צו ליב אחתן)

אוּן מֶען הָאט בַּאלְד גֶעמַאכְט אַיין אִינְטְרֶעסַאנְטֶען שְׁמוּעֶס, וֶועלְכֶען אננא הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען, נַאטִירְלִיךְ, וֶועגֶען יִחוּס.

— מֶענְשֶׁען, זָאגְט דִיא וֶועלְט, קָאן מֶען דֶער קֶאנְגֶען נָאךְ זַייעֶר רֵיידֶען, — הָאט זִיךְ מאקס גֶעטְרַאכְט, אוּן זִיךְ שְׁטַארְק פֶערְאִינְטֶרֶעסִירְט מִיט'ן שְׁמוּעֶס. וִויא אוּן וָואס אננא הָאט גֶערֶעדְט, אִיז שׁוֹין, דַאכְט זִיךְ, לַייכְט זִיךְ פָאר צוּ שְׁטֶעלֶען עֶס הָאט זִיךְ אִיהר נָאךְ גֶעוָואלְט בְּרֵיינְגֶען צִיטַאטֶין פוּן חוֹקְרִים אוּן שְׁרַייבֶּער, נִיט אַזוֹיא וִויא רַאְיוֹת צוּא אִיהְרֶע רֵייד. וִויא אוֹיס וַוייזֶען זִיךְ, אַז זִיא אִיז גָאר קֵיין פְּרָאסְטֶע זַאךְ נִיט, אוּן מֶען זָאל מֵיינֶען צֶעהֶען מָאל מֶעהר, נָאר צוּם אוּנְגְלִיק הָאבֶּען אִיהְרֶע רְאָיוֹת אוֹיפְגֶעוִויזֶען פּוּנְקְט דֶעם הֵיפֶּךְ.

זִיא אִיז גֶעוֶוען פוּן אִיהְרֶע רֵייד שְׁטַארְק צוּ פְרִיעדֶען אוּן אָפְּט אַרַיינְגֶעקוּקְט מאקס'ן אִין פָּנִים צוּזֶעהֶען, וִויא עֶר אִיז נִתְפַּעֵל פוּן אִיהר, נָאר אוֹיף מאקס פָּנִים אִיז עֶס, צוּ אִיהר פֶערְדְרוּס נִיט קֶאנְטִיג גֶעוֶוען, עֶר הָאט בַּאלְד פֶערְשְׁטַאנֶען מִיט וֶועמֶען עֶר רֶעדְט, אוּן נָאר גֶעזֶעהֶען פוּן זַיין זַייט דֶעם שְׁמוּעֶס נִיט אָב צוּ הַאקֶען, בִּכְדֵי עֶר זָאל דֶער גֶעהן פִּינְקְטְלִיךְ אִיהר חַאראַקְטֶער. — „אוּם וִויסֶענְד“! — הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרַאכְט — „פִיל מָאל מַאכְט זִיךְ דֶער מֶענְשׁ קַאלְיֶע, נָאר דוּרְךְ זַיין אוּם וִויסֶענְדְהַייט“... דָאךְ הָאט עֶר זִיא אוֹיסְגֶעהָערְט וִויא לַאנְג עֶס הָאט נָאר גֶעחַאפְּט זַיין גֶעדוּלְד.

— הָאבֶּען צוּ טָאהן וֶועגֶען יִחוּס, אִיז, וִויא מִיר דַאכְט, נָאר אַפּוּסְטֶע זַאךְ, — הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ אִיהר גֶעעֶנְטְפֶערְט, — דֶעם מֶענְשֶׁענְס מַעֲשִׂים אָט דָאס אִיז זַיינֶע מַעֲלוֹת אוּן דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶער יִחוּס. — אַייךְ אִיז דָאךְ גֶעוִויס בֶּעקַאנְט דְרֵילָאוו'ס גֶאנְדְז...

אננא אָבֶּער הָאט גָאר נִיט גֶעווּאוּסְט וֶועגֶען וָואסֶערֶע גֶאנְדְז מאקס רֶעדְט, אוּן הָאט גֶעמֵיינְט, אַז עֶר שְׁטֶעכְט זִיא דֶער מִיט וָואס זִיא אִיז אַפְּרָאכְטֶע אוּן עֵסֶק'ט זִיךְ מִיט אַזֶעלְכֶע קְלֵיינִיקַייטֶען, וִויא אַרוּם גֶעהן אַרוּם גֶאנְדְז אוּן אִיז גֶעוָוארֶען שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט.

— אִיז וָואס? ! — הָאט זִיא גֶעבְּרָאגְט מִיט כַּעַס, — מֶען קָאן אַרוּם גֶעהן אַרוּם גֶאנְדְז אוּן זַיין מֶעהר מֶענְשׁ פוּן דִיא, וָואס הָאבֶּען

אֲפִילוּ אַנאַנְדֶז אִין דִיא אוֹיגָען נִיט גֶעזֶעהָען.

— וָוער זָאגְט אַייך חָלִילָה, נָאר בֶּערוּהִיגְט זִיךְ, פֶּערְצֵייהְט, מִיר זֶעהָען זִיךְ דָאךְ הַיינְט עֶרְשְׁט דָעם עֶרְשְׁטֶען מָאל, בַּאלְד פָּאהר אִיךְ אָב, אוּנ גָאט נַייס, וָוען מִיר וָועלֶען זִיךְ שׁוין זָעהָען.

אננא אִיז גֶעוָוארֶען אוֹיסֶער זִיךְ, אוּנ נִיט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ עָנְטְפֶערֶען. מאקס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּנ אַרוּיס אִין דְרוּיסֶען. אַקוּרְצֶע צַייט הָאט עֶר אַרוּם גֶעשְׁפַּאנְט אַלַיין, נַאכְהֶער הָאט עֶר זִיךְ בַּאגֶעגֶענְט מִיטְ'ן סְטָארָאזְשׁ אוּנ הָאט אִיהם אָבְגֶעשְׁטֶעלְט.

— וָוען גֶעהט אָב דָער צוּג פוּן דַאנֶען קֵיין „אלטדעמבאווקע"?

— אִין אַשָׁעָה אַרוּם. וָואס זַייא פָּאהרֶען שׁוין אָב? — יָא. דָער סְטָארָאזְשׁ אִיז פְרֵאהלִיכֶער גֶעוָוארֶען.

— נוּ, וָואס זָאגֶען זַייא אוֹיף אוּנְזֶער וִוירְטְהִין?

— אַנאַנְץ גֶעבִּילְדֶעטֶע פְרֵיילֶען.

— אַחְדוּשׁ! וִויא לַאנְג אִיז דָער לֶעהְרֶער אַוֶועק גֶעפָאהרֶען? אַזוֹיא? הָאט מאקס פֶערְוואוּנְדֶערְט גֶעפְרֶעגְט.

— וואוּנְדֶערְט זִיךְ נִיט, מַיין פְרֵיינְד, אַזוֹי אִיז דִיא מַעֲשֶׂה, הָאט דָער סְטָארָאזְשׁ גֶעאָנְטְפֶערְט אוּנ אִין קוּרְצֶען דֶערְצֶעהלְט אַלְלֶעס, וָואס דָא אִיז גֶעשֶׁעהֶען.

— חָאטְשׁ קֵיין גֶעלְד הָאט גִיט גֶעקָאסְט, — הָאט עֶר גֶעזָאגְט, וָוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגט זַיין עֶרְצֶאהלוּנְג, — אַלְץ אָבֶער אִיז עֶפֶּעס צוּ גֶעקוּמֶען, קָאן מֶען זָאגֶען? אֲפִילוּ מִיר גְלוֹיבְּט זִיךְ דָאס גָאר נִיט וָוארוּם אַגֶעלֶעהרֶענְטֶער מֶענְשׁ, זָאגְט מֶען, אִיז נִיט אַזוֹי שְׁלֶעכְט.

— אִיהר זַייט עֶפֶּעס אִין כַּעַס אוֹיף אִיהר?

— אַךְ, מַיין פְרֵיינְד! נִיט וִוילְלֶענְדִיג וָוערְט מֶען אִין כַּעַס, מֶען אִיז דָאךְ פָארְט נִישְׁט מֶעהר, וִויא אַמֶענְשׁ.

— נוּ, אוֹיב אַזוֹי, זָאלְט אִיהר זַיין אַזוֹי גוּט אוּנ אִיבֶּערְגֶעבֶּען אַייעֶר וִוירְטְהִין, אַז זִיא אִיז גֶערֶעכְט, דָעם פָארִיגֶען לֶעהרֶער דַארְף זִיא מַאקֶע נִיט בֶּעצָאהלֶען, ווייל קָאנְטִיג, אַז עֶר הָאט זִיא נָאךְ נָאר נִיסְט אָנְגֶעלֶעהרֶענְט, נָאר פֶערְפְּלָאנְטֶעט דָעם מוֹחַ, זָאל זִיא אֶיצְט דִינְגֶען אַבֶּעסֶערֶען, אוּנ אַז זִיא וָועט עֶנְדִינְגֶען אִיהר סְטוּדִיוּם,

זאל (צו ליב אחתן)

זָאל זִיא אוּנְז שְׁרַייבְּען , תְּעלֶען מִיר אֶפְשָׁר ווִיעֶרעֶר קוּמֶען עֶקְוַאמֶענִירֶען זִיא .

אוּמְזִיסְט הָאט וואסערמאן גֶעשְׁווִיצְט , גֶעקְלַאפְּט מִיטְ'ן צִינְג — עֶס הָאט גָאר נִיכְט גֶעהָאלְפֶען ; גדליה אוּנ מאקס זַיינֶען אָבְּגֶעפָאהרֶען , אוּנ אננא מִיט אִיהר קָאנְטְנִים אוּנ יִחוּס אִיז פֶערְבְּלִיבֶּען אִין גְרוֹיס בִּזְיוֹנוֹת

צוּ וַויים דֶער פוּן דֶער לֶעהרֶער , צוּ פְרַיידְט עֶר זִיךְ דֶער מִיט וואס דִיא צַייט הָאט פַאר אִיהם נְקָמָה גֶענוּמֶען — קָאן אִיךְ צַייךְ נְגוּי נִיט זָאגֶען , נָאר דָאס אִיז בֶּעוואוּסְט , אַז זִיא אִיז נָאךְ אַלְץ דִיא ווִירְטְהִין אִין אייבאווקא , אוּנ דִיא מֶענְשֶׁען , וואס דִינֶען דָארְט , ווֶערֶען פוּן אִיהר אוֹיס גֶערִיסֶען , וואס וַוייטֶער אַלְץ עֶרְגֶער .

— מֶען קָאן זִיא שׁוֹין נִיט צוּ פְרִידֶען שְׁטֶעלֶען , הָאבֶּען זַייא גֶעזָאגְט — מֶען מָאג חָאטְשׁ לָאזֶען דִיא נְשָׁמָה אַרְבַּייטֶענְדִיג , צַלְץ נָאר נִישְׁט . זִיא בִּינְדְט זִיךְ שׁוֹין גָאר אוּמְזִיסְט .

דָאס אִיז נִיט רִיכְטִיג , — נִיט אוּמְזִיסְט אִיז אננא שׁוֹין אוּם צוּ פְרִידֶען אוּנ אִין כַּעַס : זִיא אִיז נָאךְ אַלְץ אַמֵיידֶעל אוּנ דֶער נָאמֶען ווֶערְט אִיהר שְׁווֶערֶער פוּן טָאג , זִיא וואלְט זֶעהר ווֶעלֶען פָּטוּר ווֶערֶען פוּן אִיהם , אוּנ שׁוֹין וואס גִיכֶער , אוּנ צוּ לִיבּ דֶעם בִּילְדֶעט זִיא זִיךְ נָאךְ אִין אִיהר פֶערְשְׁרִיבֶּענֶעם חַארַקְטֶער , זִיא שְׁטָאלְצִירְט נָאךְ אַלְץ מִיט אִיהר גֶעלְד אוּנ יִחוּס ; זִיא אִיז שׁוֹין אֲפִילוּ שְׁטַארְק אִין כַּעַס אוֹיף אַלֶע מַאנְסְלַייט , וואס זַיינֶען , — נָאךְ אִיהר מֵיינוּנְג , — חוֹנְפִים , שְׁווִינְדְלֶער אוּנ אַכְזָרִים , דָא הָאבְּט זִיא נָאךְ מִיט דֶער צַייט פָארְט גֶעפִינֶען אֵיינֶעם , מִיט ווֶעלְכֶען זִיא ווֶעט זִיךְ קָאנְנֶען אָבְּרֶעכֶענֶען פַאר דִיא אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע . אוֹיף דִיא שַׁדְכָנִים קָאן זִיא שׁוֹין נִיט קוּקֶען , זִיא אִיז שׁוֹין אוֹיף זַייא מְשׁוּנֶה דִיג אִין כַּעַס נָאךְ פַאר אַלְטֶע חַטָאִים אוּנ אוֹיךְ דֶער פַאר , וואס זַייא הָאבֶּען אִיהר אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעזוּכֶען וואס זֶעלְטֶענֶער , דָאךְ , ווֶען זַייא קוּמֶען שׁוֹין בֶּעהַאנְדֶעלְט זִיא זַייא אַסַךְ פְרַיינְדְלִיכֶער אוּנ בֶּעסֶער נָאךְ פוּן אַמָאל , דֶען וואס טְהוּט מֶען נִיט צוּ לִיבּ אַתָּן ?...

ענדע